# אויף דיין פייערדיקער חתונה

איצט וואָלסטו שוין געווען אַ כּלה־מויד
מיט אַלע מיידל־חנען ווי באַלייטנס.
פֿאַר אַ כּלה האָט דיך אויסגעכאַפּט דער טויט
און חתונה געהאַט מיט דיר באַצייטנס.

ווער האָט אויף דער חתונה געפֿעלט ?
געקומען זענען אַלע : פֿרעמדע, שכנים.
האָט אַ טאַנץ געטאָן דער טייוול מיט דער וועלט
און דו — מיט כּל־ישׂראל אינאיינעם.

שיין האָסטו געטאַנצט. מיט ברען, מיט פֿלאַם.
אַזוי־אַ טאַנצן קאָן נאָר אונזער שטאַם
מיט האַרץ און גוף צום פֿלאַם איבערגעגעבן.
אַזוי־אַ טאַנצן קאָן נאָר אונזער לייב־און־לעבן.

נאָר איך בין נישט געקומען גאָר אינגאַנצן
אויף דיין פֿייערדיקער חתונה צו טאַנצן.